הישיבה הקדושה והת״ת

# תורת אמת הכללית

בעה״ק ירושלים תובב״א

The Holy Yeshivah & Talmud Torah

# TORATH EMETH

OF JERUSALEM

170 CLINTON STREET

New York, N. Y.



א מנין רבנים לערנען משניות פאר די זעליגע מעמבערס און גבאים
A MINYAN RABBIS LEARNING MISHNAIS IN MEMORY OF DECEASED MEMBERS AND GABBOYIM

יסוד כ״ק אדמו״ר הגאון האלקי
מרן
הרש״ב מליובאוויטש
נבג״מ וצוקללה״ה זיע״א

בנשיאות בנו כ״ק אדמו״ר
גאון ישראל וקדושו מרן
הריי״צ שניאורסאהן
שליט״א


OFFICERS

CHIEF RABBI
I. J. SHNEIERSON, HON. PRES
RABBI H. HAVLIN, PRES.
REV. M. CUNNIN, VICE-PRES.
RABBI I. JACOBSON, VICE-PRES.
MR. LOUIS ROSMAN, TREAS.
RABBI M. GRANER, EXECUTIVE SEC'Y

DIRECTORS

RABBI N. TELUSCHKIN, CHAIRMAN
RABBI D. RIVKIN
RABBI A. SIMPSON
RABBI A. KAZARNOVSKY
MR. CH. KATZ
MR. M. FRIEDMAN
RABBI H. RUBINSTEIN, CHICAGO
RABBI D. M. RABINOWITZ, BOSTON
RABBI L. ROTHSTEIN
RABBI S. SCHNEIDERMAN, PHILA.
RABBI A. A. AXELROD, BALTIMORE


אדר, תש״ג

## פסח-מצה-פאָנד פאר דער ישיבה תורת אמת אין ירושלים

האַרציגע ברידער און שוועסטער:

די הייליגע ישיבה און תלמוד תורה „תורת אמת הכללית״ בעיה״ק ירושלם תובב״א, ווענדעט זיך צו אייך איצט — מיט דער דערנעהנטערונג פון **פסח** מיט א **דרינגענדען אַפּיעל נאָך הילף.** הונדערטער רבנים, גדולי התורה און גרויסע יראי שמים, הונדערטער תלמידים און יתומים — **קרבנות פון דער איצטיגער מלחמה** — שטרעקען אויס צו אייך זייערע הענד און בעטען הילף, כדי ניט צו האָבען חלילה קיין **פאַרשטערטען פסח.**

די ישיבה הקדושה והת״ת „**תורת אמת הכללית**״ שטעהט אונטער דער דירעקטער השגחה פון דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן און איז א פעסטונג פון אידישקייט אין אונזער הייליגען לאַנד. די קינדערלאַך, וועלכע ווערען דערציִגען אין אונזער אנשטאַלט, ווערען באַזאָרגט מיט אלעם נויטיגען. זיי זיצען יומם ולילה און לערנען, ביז זיי ווערען גרויס און געהען אריבער אין דער ישיבה, וואו זיי שטייגען אין לערנען און ווערען בעזהשי״ת גרויסע לומדים, ווען-ווייזער און א ליכט פאַר דעם פאָלק ישראל.

די מלחמה האָט געשאַפען א לאַגע, וואו סיי די קליינע קינדער פון דער תלמוד־תורה, סיי די גרויסע לומדים פון דער ישיבה **הונגערען ממש**, און **הילף איז דרינגענד נויטיג.**

טויזענטער אומגליקליכע, וועלכע זיינען קוים מיט׳ן לעבען אַנטלאָפען, זיינען לעצטענס אריינגעקומען אין אונזער הייליגען לאַנד. די נויט צווישען זיי איז ממש ניט צו באַשרייבען. אונזערע איינקונפטען זיינען אָבער באַגרעניצט, ווייל די אלע פריהערדיגע קוואַלען פון הכנסה זיינען אינגאַנצען אָפּגעשטעלט, און אינ׳ם איצטיגען מאָמענט זיינט איהר, **אַמעריקאַנער אידען, די איינציגע וועלכע קענען און דאַרפען ראַטעווען.**

ווען איהר גרייט זיך צו פייערען דעם יום טוב פון באַפרייאונג — **פסח** — פאַרטראַכט זיך וועגען דעם טרויעריגען מצב פון די טויזענדער קרבנות — פילע פון זיי פיליכט אייער אייגען בלוט און פלייש — וועלכע זיינען ערשט ניט לאַנג אליין געווען אין דער לאַגע פון העלפען אַנדערע און מוזען יעצט אליין אויסשטרעקען א האַנט! **דערלאָזט ניט אז זיי זאָלען חלילה האָבען אַ פאַרשטערטען פסח!** און בעת איהר וועט פראַווען אייערע סדרים זאָל אייער געוויסען אייך ניט פייניגען, אז צוליב אייער גלייכגילטיגקייט האָבען אנדערע ניט געהאַט מיט וואָס א טאָג איבערצוקומען! **העלפט גלייך**, ווייל דער גורל פון די אומגליקליכע איז אָפּהענגיג פון אייך!

מיר שיקען אייך דערמיט **סטעמפּס** פאַר 4.80 **דאָלאַר**, צו 10 סענט אַ סטעמפּ, און פאַרלאָזען זיך אויף אייער וואַרעם אידיש הארץ, אז איהר וועט טאָן אייער פליכט. איהר **וועט אליין קויפען און אויך פאַרקויפען די סטעמפּס צו אייערע פריינד און באַקאַנטע.**

דערוואַרטענדיג אייער נאָבעלען אָפּרוף, ווינשען מיר אייך **א כשרן און פרעהליכען פסח** און אז איהר זאָלט קיינמאָל פון קיין נויט וויסען, און אז אייערע קינדער און פאַרוואַנדטע זאָלען אינגיכען אהיים קומען בשלום זיגרייך פון דער מלחמת־מצוה.

**הישיבה הקדושה והת״ת „תורת אמת הכללית״**

הרב מ. גראנער, סעקרעטאַר

נ. ב. — אלע געלדער ווערען גלייך געשיקט קיין ירושלים טעלעגראַפיש.

# PASSOVER MATZOH FUND

## for the Holy Yeshivah & Talmud Torah

# TORATH EMETH

## OF JERUSALEM

March, 1943

Dear Brothers and Sisters:

The Holy Yeshivah and Talmud Torah TORATH EMETH of Jerusalem, urgently APPEALS TO YOU, with the approach of Passover, FOR IMMEDIATE AID for its hundreds of Rabbis, Sages and scholars, hundreds of students and orphans — REFUGEES OF THE CURRENT WAR — who plead with you to help them, and not permit that they go hungry on PASSOVER.

The Holy Yeshivah and Talmud Torah TORATH EMETH is under the direct supervision of the Lubavitcher Rabbi and is truly a fortress of Judaism in our Holy Land. The children who are cared for in our Institution are provided with all that is necessary for their well-being. They engage constantly in the study of the holy Torah and when they become older they are admitted to the Yeshivah, where they pursue their studies and eventually become great scholars, leaders, and true disciples of our people.

The war created such conditions, however, wherein both the children in the Talmud Torah and the grown-ups in the Yeshivah are FACING ACTUAL STARVATION and HELP IS URGENTLY NEEDED!

Thousands of unfortunates who barely escaped with their lives have come to Palestine recently. Their plight is beyond description. Our income, however, is limited because all previous sources have been completely destroyed. At the present moment ONLY YOU, THE AMERICAN JEWS, ARE THE ONES IN A POSITION TO HELP — AND HELP SOON!

As you prepare to celebrate the great holiday of our Redemption — Passover — stop one moment to consider the sad plight of thousands of our brethren — perhaps some who are related to you — who not so long ago were themselves the ones to extend a helping hand to others. And now they must ask for aid! DON'T REFUSE THEM YOUR AID! And as you sit down with your family to the "Seder" have a clear conscience — that you did your part in helping others observe Passover in the proper way.

We enclose herewith STAMPS in the amount of $4.80, at 10 cents a stamp, and we depend on your kind and generous heart to do your duty: TO PURCHASE THESE STAMPS YOURSELF and SELL THEM AMONG YOUR FRIENDS.

Awaiting your early and generous reply, we wish you and yours a happy, joyous and kosher Passover, that you shall always be in a position to help others, and that we may all live to see a speedy victory and that our sons and relatives return home safely from this holy war.

**The Holy Yeshivah and Talmud Torah TORATH EMETH**
**RABBI M. GRONER, Sec'y**

**P. S.——All monies are CABLED directly to Jerusalem.**